# וואס די ווארשאווער פרעסע שרייבט וועגן דער באריהמטער אמעריקאנער ארטיסטין

# נעלי קעסמאן

דער עיקר גייט מיר וועגן נעלי קעסמאן.

רבותי, רעספעקט! א קליינע, א דראבנע. עפעס וואס פון א יאפאנערין. עפעס וואס פון א פיין געשניצט בשמים ביקסעל, א קינסטלערין אין יעדן פיבער, לייכט געטאקט, האט א סך געפיהל פאר דיסקרעציע, פאר שטילקייט. זי זינגט אייגענטליך נישט, זי רעדט מעהר ווי זי זינגט. אבער יעדעס ווארט האט אויסדרוק. יעדע תנועה פון איהר קליין חנ'עוודיג פיגורעל איז אויסגעהאמערט אזוי ווי פון גאלד.

נעלי קעסמאן האט אין זיך דעם אמת'ן אידישען קוועטש מיט'ן גראבען פינגער. ער איז אבער ביי איהר ארומגעשניצט, ארומגעפיילט. עס האט מאס. זי וועט אייך קיינמאל נישט ווייזען דאס רויע נאקעטע.

א שטריך מיט א בלייפעדער. איין האלבע ליניע, נאך א האלבע ליניע.

עס איז א דעמערונג, ציטערנדיג ליכט צווישען טאג און נאכט. אין איהר מויל באקומט דאס וואולגארע לידעל לייטזעליגקייט. זי קען עס דערפיהרען ביז עכטער מענשליכער איבערלעבונג.

**י. פערלע.**
("מאמענט")

נעלי קעסמאן איז בלי־ספק אן ערשיינונג אויף דער אידישער בינע. זי האלט זיך, אייגענטליך, פאר א סוברעטין, אבער דער צושויער זעהט נישט פאר זיך די סוברעטין אינ'ם געוועהנליכען טעאטראלישען זין. נאר א ווירטואזין פון קלאנג און ריטם. זי האט א פרעכטיגע ליניע און א וואונדערבארע מימיק. זי נעמט דאס געוועהנליכע לידעל דעליקאט און רייצט נישט מיט'ן אינהאלט נאר מיט'ן טאן, מיט דער עלאסטישקייט פון דער אינטערפרעטאציע און מיט'ן חן פון איהר שמייכעל.

אויף דער אידישער בינע איז נאך אזא טיפ סוברעטין נישט געווען.

נעלי'ס "בלעק־באטאם", "יאסעל" און די "7 גוטע יאהר" וועלען ארוים אין גאס אלס שלאגערס, וואס וועלען פיעל כבוד פארשאפען דעם אידישען טעאטער.

נעלי קעסמאן מוז יעדער איד אומבאדינגט זעהן.

**א. גראסמאן.**
("מאמענט")

נעלי קעסמאנ'ס קאנצערט — זי האט געגעבען א סובטעל'ן ארטיסטישען קאנצערט. אויף דער סצענע איז געוועזען א מחיה'דיגע געבענשטע ארטיסטין און טאקע פון גאר גרויסען שניט — טאן און טאקט, שפיל און מימיק, טאנץ און געזאנג מיט א גאלדענע וואג אין מויל — אין קער, אין בויג, אין גאנג. אן ארטיסטין וואס שפילט, און שפילט אויף אן אמת. אט איז א שעמעוודיג פרום און געשמאק אינגעלע. ליעב, בא'חנ'ט און ווארעם. אט איז זי אן אלטיטשקע באבעשע. עס זענען געגוג געווען נאר 2 תנועות און זי איז פארוואנדעלט געווארען אין דער באבעשי. אט איז א טראגישע גאסען־מיידעל, און עס באקומט זיך א זעלטענע געשטאלט. לידיש, טיעף רירענדיג און אמת'דיג. אט איז זי א שטיפערישע שעלמישע רייצענדיגע סוברעטין פול מיט אינטעליגענץ, מיט קולטור, פיינע, עכטע געשליפענע, קינסטלערישע שאפונגען וואלטען געקענט אין איהרע הענט, אויגען, אין מויל, אין קול, ווערען אמת'ע טייערע שטיינער.

**יעקב פאט.**
("פאלקס צייטונג")

דאס באווייזען זיך פון נעלי קעסמאן, איהרע ערשטע עטליכע באוועגונגען און פראזען און מען ווערט ענטציקט און אט די ענטציקונג וואקסט פון נומער צו נומער, פון סצענע צו סצענע. עס ווערט קלאר אז פאר אונז איז דא א וואונדערבארע סוברעטין. אידעלע גראציע, פיינסטע מאניערען, צארטסטע ניואנסען. זי לייגט ארײן קדושה, וואלט איך געזאגט, אין די מ"ט שערי טומאה. א פרעך נאריש לידעל קומט ארויס ביי איהר צנועה'דיג צארט. איהרע הארציגע הענט גלעטען, דערהויבען דאס נידעריגע.

און מען ווערט פארגאפט פון דער געשניצטער פארם. אין וועלכען זי דערלאנגט עס אונז און ס'ארא זיסער אידיש עס קומט ארויס פון איהר מויל. ס'ארא בא'טעמט'קייט אייגענטליך איז נאר נישט וויכטיג וואס זי שפילט, נאר ווי אזוי זי שפילט. זי שפילט זיך, אט איז זי ענגליש נאאיוו און עס שטראלט פון איהר טייערע גלויביגע תמימות. אט איז זי שטיפעריש, צולהכעיס'דיג, אט כאפט זי א טענצעל, נישט זי טאנצט, נאר זי גייט א אידיש טענצעל, און אט זינגט זי א ניגון, און נישט זי זינגט, נאר זי זאגט א ניגון. דא איז זי איין אלטע קראנקע פראסטיטוטין, און דא א האפערדיגער פיהרער פון א כאר. און אומעדום מיט אזוי פיעל חן און מיט אזוי פיעל עכטען טאלאנט.

**נחמן מייזעל.**
("ליטעראַרישע בלעטער")

דער עיקר נעלי קעסמאן איז א קינסטלערין, און איהר זשאנר, איהר אינטערפרעטאציע איז א פיינע, א סובטעלע. עפעס וואס אינטימעס שוועבט אין איהר ארט זינגען, אין אפשאצען א קופלעטעל. אלץ ארום איהר הויכט מיט טאקט און מיט ריטם. אויף אלץ שפירט זיך מאס, אויסגעהאלטענקייט און אנגענעמער טאן. זי שפילט מיט צוריקגעהאלטענקייט, מיט געהאמעוועטען פייער, און דערפאר טאקע, אימפאנירט זי שטארקער דעם אינטעליגענטען טעאטער־באזוכער, און די גרעסטע מעלה איהרע — דאס פארנאגראפישע לידעל קומט ביי איהר ארויס מיט טויזענט טעמים, אזוי קינסטלעריש, אז דאס גאסען־ארטיגע ווערט פארשוואונדען און עס בלייבט דער ריינער וויץ. דער איינדרוק פון קינסטלערישען באהאנדלען א ביליג קופלעטעל. מיט איין ווארט: נעלי קעסמאן איז א גרויסע עקסצענטרישע קינסטלערין אין איהר זשאנר.

**מ. קיפנים.**
("היינט")

אין נעלי קעסמאן האבען מיר צום ערשטען מאל געזעהן א סוברעטין פון אן אנדער קאליבאר. עס איז די אנגלא־זאקסישע שולע, וואס גערט נישט אויף דער ליניע פון אויסערליכע עפעקטען. נאר לייגט די גרעסטע אכט אויף דער שטימונג, אויף דער אינערליכער אינטערפרעטאציע, אויף די פערבארגענע ניואנסען, אויף דעם זין פון טענער און האלב־טענער. דער עיקר צייכענט זיך פון איהר טאלאנט דער טרויער, וואס ליגט באהאלטען אין איהר פרעהליכקייט. דער צארטער וועה־מוטיגער חן, וואס איז אויסגעגאסען אויף אלע איהרע סעקרעטע באוועגונגען. נעלי קעסמאן איז די אריגינאליטעט און דאס איז תמיד די טרייע באגלייטערין פון די קונסט. עס איז קיין ספק ניט, אז נעלי קעסמאן איז א צירונג פאר דער אידישער בינע. אין איהר גאנצען שפילען זעהט מען דאס גראטעסארטיגע, דאס עקסצענטרישע, דאס קאנטינג־געשליפענע. נעלי קעסמאן איז אן ארטיסטין מיט קולטור. נאר אזעלכע דארפען מיר אויף דער אידישער בינע.

**אלחנן צייטלין.**
("עקספרעס")




קיינער טאר נישט פארפעהלען צו זעהען

**נעלי קעססמאן**

אין איהר קרוין ראלע

— אלס —

# חזנ'דל

אפערעטא אין 3 אקטען,

פון שלמה שטיינבערג.

מוזיק פון אידעלע בעלזער.

די ערשטע פארשטעלונג

**מאנטאג**
**אווענט**
**14 אפריל**

(צווייטער טאג פסח)

— אין —

**סטענדערד**
**טעאטער**

באזארגט זיך באצייטענס מיט בילעטען.